# יום כפור אין שול

עס ברענען נשמה־ליכט מיד, מעלאנכאָליש,
און סומנע די וועקסענע שטראַלן,
זיי בויגן זיך, קאָרטשען זיך אום אין אַן אימה,
ווי ווער וואָלט געהיים זיי באַפאַלן.

און פול איז די קלויז מיטן פלאַטער פון פלעמלעך
און וויינענדע מענטשן אין ווייסן;
עס הוידען זיך קיטלען, עס וואַרפן זיך אַרבל,
עס רייסן זיך שאָטנס און רייסן.

עס הוידעט זיך ווייס אין די קיטלען דער עולם,
און וואַרפט מיט די אַרבל צעשראָקן,
און קלאַפּט אין פאַרצווייפלונג די הענט אָן די שטענדערס
און טופעט אין היי מיט די זאָקן.

און ס'הויבט זיך דער היי־ריח אויף און פאַרשיכורט,
און געלבלעך אַ שטויב אַ געדיכטער
פאַרנעבלט די קלויז און די ליכט און די שטענדערס,
פאַרבלייכט און פאַרגעלט די געזיכטער.

און אימהדיק קוקן די אַלע געזיכטער,
פאַרהילטע ביינאַכט אין טליתים,
אַזוי ווי עס וואָלט זיך דאָס הוידען און שאָקלען
אַ גרויזאַמער קהל פון מתים.

עס הוידעט און שאָקלט זיך גרויליק דער קהל,
און ס׳טראָגט פון פאַרשידענע זייטן
אַ הודיען פון תפילות און אַלטע נגונים,
פון אַלטע, פון גרויזאַמע צייטן.

און ס׳טוליעט זיך נאָענט צום פאָטער אַ אינגל,
אַ שטילער, אינמיטן די גוואַלדן,
פאַרטיפט אין מחשבות, דעם שטערן דעם הויכן
אין מחזור פון זיידעס באַהאַלטן.

ער טראַכט פון דער גרויסקייט פון מלך־המלכים,
ווי קליין און ווי שוואַך און ווי אָרעם
איז קעגן אַלמעכטיקן גאָט כביכול
דאָס שטערבלעכע מענטשל, דער וואָרעם.

ער טראַכט, און ער ציט זיך צו גאָט און באַהעפט זיך,
און בעט ביי אים רחמים און כוח,
צו קענען פאַרטרייבן די שרעקלעכע ספקות
פון שוואַכן, פון קינדערשן מוח.

און ס׳הודיען די תפילות, און ס׳קלאָגן די יעלות,
און ס׳שוידערט דער גוואַלטיקער לשון,
אַזוי ווי די ביימער פון אַלטע בית־עלמינס,
ביינאַכט אין צעשטורעמטן אָסיען.

און ס׳דוכט זיך, די גייסטער פון אַלטע מארטירער,
זיי ברומען דאָ מיט אין די גוואַלטן;
און ס׳דוכט זיך, דער יאָמער פון הונדערטער דורות
פאַרנעמט זיך די הימלען צו שפאַלטן.

עס הודיען די תפילות, עס קלאָגן די יעלות,
און שטאַרקער צעברומט זיך דער עולם,
און ס'גייט אַ געוויש, ווי פון וואַסערן פילע,
אַרויף צום רבונו של עולם.

און ס'מאַטערט דער אינגל זיך פאַרשטעלן ריכטיק
די גרויסקייט פון גאָט און זיין וועזן —
גענוי און גענויער, אַזוי ווי ער האָט עס
אין הייליקע ספרים געלעזן.

דאָך פלוצלונג־וואָס טוט אים אַ קלאַפּ אין געהירן,
אַזוי ווי מיט עפּעס אַן אייזן;
עס טוט אים די העלישע קליפּה אַן עגבער:
„ווער קען עס, ווער קען עס באַווייזן?"

עס פאַלט אויפן אינגל אַן אימה אַ וויסטע,
און ס'שווימט אים אַרויס אין זכרון
די ענדלאָזע שטראָף פאַר אַזעלכע מחשבות —
דער גיהנם, דער פורכטבאַרער צאָרן.

און ס'שרעקן די ליכט אים, די שאָטנס, די קיטלען,
און ס'דרינגט אים אַדורך יעדן אבר
די קעלט און דער עלענד, דאָס פוילעניש וויסטע
פון פייכטן און פינצטערן קבר.

אָט זעט ער דאָס פייער דאָס גרינע פון גיהנם,
אָט הערט ער די שוואַרצע יללה —
די שבעה מדורים מיט זינדיקע זעלן,
די מחנות מלאכי חבלה.

און פלוצלונג טוט ווידער אין מוח אַ קלאַפּ אים,
אַזוי ווי מיט עפּעס אַן אייזן,
און ס'עגבערט די העלישע קליפּה און עגבערט:
„ווער קען עס, ווער קען עס באַווייזן?"

עס דאַוונט מיט גרויסער התלהבות דער עולם,
נאָר איינער, דער צווייפלער דער קליינער,
ער שטייט צווישן פּאָטער און פריינט אַזוי איינזאַם,
און ס'קוקט זיך נישט אום אויף אים קיינער.

אַ, איינזאַם, אַ, פינצטער, אַליין מיט זיין אומגליק!
ער שטייט אָן באַוועגונג, אָן לשון,
ער שטייט און ער פלאַטערט, צום טויט ווי פאַראורטיילט,
מיט שוויים און מיט טרערן באַגאָסן.

עס ווייס נישט דער פּאָטער, עס ווייסן די פריינט נישט
די טיפע, די גייסטיקע ליידן,
וואָס האָבן פאַראומערט זיין פרילינג פון לעבן,
גערויבט פון זיין יוגנט די פריידן.

נ"ו יאָרק, 1897.